Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
& la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 12, נומער 5 (60)

סיוון תּשס״ז/יוני 2007

# די צוויי קונע־לעמל[1]

דעם 13טן מײַ 2007 האָט דער „טרוים־טעאַטער", די טרופּע פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, געשפּילט – אויף ייִדיש ! – אַ פּיעסע פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען[2], *די צוויי קונע־לעמל*.

זאָגט אַליין : צי קען מען זיך פֿאַרלאָזן[3] אויף אַ שדכן[4] וואָס באַווײַזט ניט[5] חתונה צו מאַכן[6] זײַן אייגענע טאָכטער ? קאַראָלינע און מאַקס, די צוויי העלדן[7] פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדענס פּיעסע *די צוויי קונע־לעמל*, האָבן באַשלאָסן אַז ניִשט. מאַקס, אַ יונגער לערער, און זײַן שיינע תּלמידה[8] האָבן זיך פֿאַרליבט אָן ר׳ קלמנס פֿאַרמיטלונג[9]. די צרה[10] איז אַז קאַראָלינעס טאַטע, אַ רײַכער חסיד[11], האָט געבעטן בײַ ר׳ קלמנען, דעם שדכן, אויסצוגעפֿינען אַן איידעם[12], אַ בכּבֿודיקן[13] חסיד. נאָך אַ סך פֿאַרפּלאָנטערונגען[14] און אומפֿאַרשטייעניִשן[15] וועלן די צוויי פֿאַרליבטע פּטור ווערן[16] פֿון קונע־לעמל, דעם זייער בכּבֿודיקן נאָר אויך זייער נאַרישן חתן[17].

די פּיעסע, געשריבן אין 1877, איז געוואָרן אַ קלאַסיש ווערק אינעם ייִדישן טעאַטער־רעפּערטואַר. דער מחבר[18] איז געבוירן געוואָרן אין 1840 אין אַ וואָלינער משׂכּילישער משפּחה[19]. ער האָט צו ערשט געאַרבעט ווי אַ זשורנאַליסט אָבער שוין אין זײַנע יונגע יאָרן האָט ער קאָמפּאָנירט מוזיק און געשריבן לידער וואָס אַ סך פֿון זיי זענען אַרײַן אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. אין 1876 האָט ער געגרינדט דעם ערשטן פּראָפֿעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער אין יאַס[20] (רומעניע) און ווערט באַטראַכט ווי דער טאַטע פֿונעם ייִדישן טעאַטער.

דער קאָמיזם און די טעמעס פֿון *די צוויי קונע־לעמל* (רעליגיע, געגרעדטע שידוכים[21], נאַרישקייט, אייגננוץ[22]) דערמאָנען אַוודאי[23] אין מאָליער, נאָר גאָלדפֿאַדען לייגט דעם טראָפּ[24] אויף אַספּעקטן ספּעציפֿישע פֿאַר דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, ווי די קריגערײַען צווישן משׂכּילים און חסידים. שאַרלאָט מעסער, די רעזשיסאָרשע[25], האָט איבערגעאַרבעט די פּיעסע, געשריבן ווי אַן אָפּערעטע, און פֿון איר געמאַכט אַ מאָדערניזירטע קאָמעדיע וואָס פֿאַרווישט[26] די קאָנפֿליקטן אַרום רעליגיע. סיטואַציע־קאָמיזם און קאַריקאַטור שפּילן איצט אַ גרעסערע ראָלע ווי סאַטירע. אויב מע האָט פֿריִער דערמאָנט מאָליערן, קען מען איצט דערמאָנען פֿעדאָ[27] : די העלדן לויפֿן זיך נאָך, פֿאַרפֿעלן זיך, זאָגן זיך ליגנס. ס׳איז דאָ אַ נערוועִשער שדכן, מיט מאָדנע העוויות[28] (ער קען ניִשט אַרויסרעדן קיין וואָרט אָן צו זאָגן „כאַפּט ניִשט[29]"), אַ חתן אַ שעקספּיריאַנער נאַר („צי בין איך קונע־לעמל, צי בין איך ניט ?"), אַ פֿאַרליבטער, אַ גאַנץ פּיפּיקער[30] (אויף קאַראָלינעס אָרט וואָלטן מיר ניט געהאַט קיין צוטרוי צו אים), אַ טאַטע אַ שמאָלקעפּיקער[31], דאָס ווײַב וואָס שרײַט אויף אים („פֿערד !"), און סוף־כּל־סוף[32] אַ פֿאַרזעסענע מויד[33], דעם שדכנס טאָכטער, וואָס איז גרייט אַלץ צו טאָן כּדי[34] חתונה צו האָבן[35]. אַניק פּרים־מאַרגוליס שפּילט אָט די ראָלע מיט אַזוי פֿיל געפֿיל און אַזוי פֿיל געשמאַק, אַז עס גלוסט זיך אונדז אַ „העפּי ענד" פֿאַר איר פּערסאָנאַזש !

די אַקטיאָרן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אמתע[36] טרופּע, דער „טרוים־טעאַטער", געגרינדט דורך אַליק און שאַרלאָט מעסער. שאַרלאָט מעסער פֿירט אויך אָן מיטן טעאַטער־וואַרשטאַט אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, מיט וועלכן זי האָט שוין פֿאָרגעשטעלט *די יונהס און דער וואַלפֿיש*[37] פֿון חיים סלאָוועס[38] מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. זעענדיק אָט די צוויי שיינע אונטערנעמונגען האָט דער עולם[39] שטאַרק געלאַכט און מיינט איצט אַז פֿאָרשטעלן אַ ייִדישע פּיעסע איז גרינג און גייט ווי געשמירט[40]. בעט ער שוין פֿון שאַרלאָט מעסער אַ נײַע פּיעסע. זײַט אַזוי גוט, לאָזט זי אָפּאָטעמען, כאַפּט ניִשט !




**זײַט וויסן :**
**די פּיעסע וועט מען שפּילן נאָך צוויי מאָל, דעם 30סטן סעפּטעמבער און דעם 7טן אָקטאָבער. אַלע אינפֿאָרמאַציעס קענט איר באַקומען אויף : 01 47 00 14 00**

1. *Les deux Kune-Leml/The Two Kune-Lemls* 2. AVROM Goldfaden (1840-1908) 3. faire confiance/rely on 4. shADKhN marieur/matchmaker 5. n'est pas capable/can't manage to 6. KhA'SENE … marier/marry off 7. héros 8. TALMIDE élève (*fém.*)/pupil (*fem.*) 9. médiation de/of REB KALMEN 10. TSORE ennui/trouble 11. KhOSID hassid/Hasid 12. gendre/son-in-law 13. BEKO'VEDIKN honorable 14. quiproquos/mix-ups 15. malentendus/misunderstandings 16. POTER … se débarrasser/get rid of 17. KhOSN fiancé 18. MEKhABER auteur/author 19. … MASKI'LISHER MIShPOKhE famille de Volhynie adepte des Lumières juives/enlightened family from Volhynia 20. Iasi (Jassy) 21. … shIDUKhIM mariages arrangés/arranged marriages 22. intérêt personnel/self-interest 23. AVADE bien sûr/of course 24. met l'accent/accentuates 25. metteur en scène/director 26. estompe/blurs 27. Georges Feydeau (1862-1921) 28. HAVAYES *ici* tics/*here* tics 29. doucement/take it easy 30. roublard/sly, crafty 31. borné/narrow-minded 32. SOFKL-SOF enfin/last of all 33. vieille fille/old maid 34. KEDE'Y afin de/in order to 35. KhA'SENE … se marier/to get married 36. E'MESE vrai/real 37. … YOYNES… *Les Jonas et La Baleine/The Jonahs and the Whale* 38. Khaim Sloves 39. OYLEM public 40. comme sur des roulettes/smoothly, without a hitch.

# גרויסער פֿאַרמעסט[1] פֿונעם ייִדישן טעם־טעם !!!

אַ מאָל איז געווען אַן אַלף־בית־ליד[2] פֿאַר קינדער מיטן טיטל „האָב איך אַ פּאָר אָקסן[3]". דער פּראָבלעם איז געווען, אַז דער אַלף־בית האָט 22 אותיות[4] און דאָס ליד האָט געהאַט נאָר דרײַ סטראָפֿעס... האָט אליעזר[5] ניבאָרסקי, אַ ייִדיש־לערער פֿון ישׂראל[6], זיך גענומען צו דער אַרבעט און מיט דער הילף פֿון אַ פּאָר אַנדערע ייִדישיסטן צוגעשריבן די פֿעלנדיקע[7] סטראָפֿעס טאַקע ביזן סוף[8] (דאָס הייסט ביזן תּוו[9]). ער וויל עס אַרויסגעבן אין בוכפֿאָרעם, אין אַ שיינער אילוסטרירטער אויסגאַבע[10] – נאָר עס פֿעלן נאָך די אילוסטראַציעס... דערפֿאַר מאַכן מיר אַ פֿאַרמעסט, אָפֿן פֿאַרן ברייטן עולם[11] : מיר בעטן אַלע וואָס קענען צייכענען און מאָלן אונדז צוצושיקן אילוסטראַציעס צום ליד. דער וואָס וועט מאַכן די בעסטע בילדער וועט קענען אילוסטרירן דאָס גאַנצע בוך. זײַט אַזוי גוט און שיקט אײַערע פֿאָרלייגן סקאַנירט אויפֿן קאָמפּיוטער אויפֿן אַדרעס :

mirt@free.fr (Subject: Noyekhs alef-beys)





## האָב איך אַ פּאָר אָקסן
### אָדער : נחס[12] אַלף־בית

האָב איך אַ פּאָר אָקסן,
וואָס זיי בראָקן לאָקשן[13]
אײַ, ווונדער איבער ווונדער[14]
ווי די אָקסן בראָקן לאָקשן !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !



האָב איך אַ פּאָר בערן[15],
וואָס זיי שטיבער קערן[16].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די בערן שטיבער קערן !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר גרילן[17],
וואָס זיי טראָגן ברילן.
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די גרילן טראָגן ברילן !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !



האָב איך אַ פּאָר דראָנען[18],
וואָס זיי שטריקן קאָנען[19].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די דראָנען שטריקן קאָנען !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר הענער[20],
וואָס זיי קלײַבן שפּענער[21].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די הענער קלײַבן שפּענער !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך מיר אַ וואָלף,
וואָס ער שפּילט אין גאָלף.
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי דער וואָלף שפּילט אין גאָלף !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך מיר אַ זעברע,
וואָס ז' קען אַלגעברע.
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די זעברע קען אַלגעברע !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך מיר אַ חמור[22],
וואָס ער שטייט אין קאַמער[23].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי דער חמור שטייט אין קאַמער !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר טויבן[24],
וואָס זיי וואַשן שויבן[25].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די טויבן וואַשן שויבן !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !



האָב איך אַ פּאָר יאַקן,
וואָס זיי חלות[26] באַקן.
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די יאַקן חלות באַקן !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !



האָב איך אַ פּאָר כּלבֿים[27],
וואָס זיי שרײַבן כּתבֿים[28].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די כּלבֿים שרײַבן כּתבֿים !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך מיר אַ לאָשיק[29],
וואָס ער פֿלעכט אַ קאָשיק[30].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי דער לאָשיק פֿלעכט אַ קאָשיק !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

1. concours/contest 2. ALEF-BEYS-.... chanson de l'alphabet/alphabet song 3. bœufs/oxen 4. OYSYES lettres/letters 5. ELIEZER 6. YISROEL 7. manquantes/missing 8. SOF fin/end 9. TOF la lettre/the letter ת 10. édition 11. OYLEM public 12. NOYEKhs de Noé/Noah's 13. coupent des nouilles/cut up noodles 14. merveille des merveilles/wonder of wonders 15. ours/bears 16. balayent des pièces/sweep rooms 17. grillons/crickets 18. faux-bourdons/drones (bees) 19. savent tricoter/know how to knit 20. coqs/roosters; *sing.* האָן 21. ramassent des copeaux de bois/pick up sticks 22. KHAMER âne/donkey 23. chambre/room 24. pigeons 25. vitres/window panes 26. KHALES pains de shabbat/Sabbath bread 27. KLOVIM chiens/dogs; *sing.* כּלבֿ KEYLEV 28. KSOVIM livres/books 29. poulain/colt 30. tresse un panier/weaves a basket












האָב איך אַ פּאָר מײַזלעך[31],
וואָס זיי בויען הײַזלעך[32].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די מײַזלעך בויען הײַזלעך !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר נעסטלעך[33],
וואָס זיי נייען וועסטלעך[34].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די נעסטלעך נייען וועסטלעך !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר סאָוועס[35],
וואָס זיי גראָבן ראָוועס[36].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די סאָוועס גראָבן ראָוועס !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר עלקן[37],
וואָס מע מוז זיי מעלקן[38].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די עלקן מוז מען מעלקן !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !



האָב איך מיר אַ פּאַווע[39],
וואָס זי גרייט מיר קאַווע.
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די פּאַווע גרייט מיר קאַווע !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר ציגן[40],
וואָס זיי קינדער וויגן.
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די ציגן קינדער וויגן !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר קאַטשקעס[41],
וואָס זיי פֿירן טאַטשקעס[42].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די קאַטשקעס פֿירן טאַטשקעס !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר ראַקעס[43],
וואָס זיי וויקלען פּראַקעס[44].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די ראַקעס וויקלען פּראַקעס !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !

האָב איך אַ פּאָר שאָפּן[45],
וואָס זיי דרעשן האָפּן[46].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער
ווי די שאָפּן דרעשן האָפּן !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !



כ׳נעם אַרײַן אין תּבֿה[47]
זכר און נקבֿה[48].
אײַ, ווונדער איבער ווונדער –
אַלע ווינען אין מײַן תּבֿה
און די שאָפּן דרעשן האָפּן
און די ראַקעס וויקלען פּראַקעס
און די קאַטשקעס פֿירן טאַטשקעס
און די ציגן קינדער וויגן
און די פּאַווע גרייט מיר קאַווע
און די סאָוועס גראָבן ראָוועס
און די עלקן מוז מען מעלקן
און די נעסטלעך נייען וועסטלעך
און די מײַזלעך בויען הײַזלעך
און דער לאָשיק פֿלעכט אַ קאָשיק
און די כּלבֿים שרײַבן כּתבֿים
און די יאַקן חלות באַקן
און די טויבן וואַשן שויבן
און דער חמור שטייט אין קאַמער
און די זעברע קען אַלגעברע
און דער וואָלף שפּילט אין גאָלף
און די הענער קלײַבן שפּענער
און די דראָנען שטריקן קאָנען
און די גרילן טראָגן ברילן
און די בערן שטיבער קערן
און די אָקסן בראָקן לאָקשן !
דאָס איז מיר אַ ווונדער !





31. petites souris/little mice 32. maisons/houses 33. cloportes/woodlice 34. cousent des gilets/sew vests 35. hiboux/owls 36. creusent des fossés/dig ditches 37. élans/elks 38. les traire/milk them 39. paon/peacock 40. chèvres/goats 41. canards/ducks 42. brouettes/wheelbarrows 43. crabes/crabs 44. font des choux farcis/roll cabbage balls 45. ratons laveurs/raccoons 46. battent le houblon/thresh hops 47. TEYVE arche/ark 48. ZOKHER… NEKEYVE mâle et femelle/male and female.

# זומער קומט !

זומער קומט און מענטשן טראַכטן וועגן וואַקאַציעס, וועגן דער נאַטור, וועגן זון און בלומען, פֿייגל און חיות[1]... און אויך די קליינע חיהלעך[2] וואָס קריכן[3] און פֿליִען און שטעכן[4] און זשומען[5]. דרוקן מיר אָפּ צוויי טעקסטן וועגן אינסעקטן. דער ערשטער איז וועגן אַ שיין, גאָר באַליבט חיהלע, און אָנגעשריבן האָט אים אַ תּלמיד[6] פֿון די ייִדיש־לעקציעס אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער. דער צווייטער טעקסט איז וועגן אַן אַנדער סאָרט באַשעפֿענישן[7] געזען דורך די אויגן פֿון אַ קינד, און אַרויסגענומען פֿון אַ בוך פֿונעם באַרימטן ייִדישן שרײַבער זלמן שניאור[8].

## אויף איטלעכן תּירוץ[9] קען מען געפֿינען אַ נײַע קשיא[10] !

### פֿון רפֿאל קאָלינקאַ[11]




איך האָב לעצטנס געזען אין אַ ליד פֿון לייב נײַדוס[12] דעם אויסדרוק „משה רבנוס קיִעלע[13]" :

וי האָב איך פֿריִער ניט געקענט פֿאַרשטיין עס,
אַז דאָס איינציקע גליק, מײַן לעבנס גאַנצער תּוך[14],
איז צו זײַן ווי אַ קליין קיִעלע משה רבנוס,
וואָס קריכט אַזוי פֿאַרזאָרגט[15] אין גרינקייט פֿון מאָך[16]...

האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן פֿאַר וואָס רופֿט מען אַזוי דעם דאָזיקן רויטן אינסעקט מיט שוואַרצע פּינטעלעך ? פֿאַר וואָס אַ קיִעלע און פֿאַר וואָס משה רבנוס ? האָב איך אָנגעהויבן אַ ביסל צו זוכן, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אויף אַנדערע שפּראַכן האָט דאָס חיהלע ענלעכע[17] נעמען :

– אין רוסלאַנד און פּוילן זאָגט מען „גאָטס קיִעלע"
– אין איטאַליע זאָגט מען „דער בתולהס הינדל[18]"
– אין שפּאַניע זאָגט מען „סאַן אַנטאָניאָס קיִעלע"
– אויף ענגליש זאָגט מען „דער האַרינטעס פֿויגל" אָדער „דער האַרינטעס חיהלע[19]"

איז די ערשטע פֿראַגע : וואָס האָט צו טאָן דאָס קליינע באַשעפֿעניש מיט גאָט און זײַנע הייליקע[20] ?

שטעלט אײַך פֿאָר אַז וועגן דעם האָט מען שוין געמאַכט וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען[21] ! אַ פֿאָרשערין אין ציריך האָט געווידמעט[22] איר גאַנצע דיסערטאַציע די נעמען פֿון משה רבנוס קיִעלע און דעם פֿאָלקלאָר וואָס איז דערמיט פֿאַרבונדן. זי ווײַזט אָן אַז אין די פּאַגאַנישע צײַטן האָט מען דעם אינסעקט געגרונט אויף אַן אַלט־גערמאַנישער שפּראַך „פֿרעיאַס פֿייגעלע" און אויף אַלט־נאָרוועגיש „פֿרעיאַס הון" נאָך דער געטין פֿון ליבע פֿרעיאַ. דערנאָך האָט מען דעם נאָמען געביטן ער זאָל קלינגען קריסטלעך, און פֿון פֿרעיאַ איז געוואָרן די מאַטקע באָסקע[23]. אין דײַטש זאָגט מען צום בײַשפּיל „מאַריעס זשוק[24]" און אין דעניש „מאַריעס הון".

שטעלט זיך איצט די צווייטע פֿראַגע : פֿאַר וואָס משה רבנו ? און פֿאַר וואָס זאָל דאָס באַשעפֿעניש, וואָס איז אַפֿילו[25] נישט כּשר[26], האָבן אַזאַ כּבֿוד[27] ?

ס'איז דאָ אַ לעגענדע אַז דאָס חיהלע האָט באַגלייט משה רבנו אויפֿן באַרג סיני[28] ווען ער האָט געקראָגן פֿון גאָט די צען געבאָט.

קינדער אין חדר[29] האָבן זיך אָפּט געשפּילט אין ציילן די פּינטעלעך אויף די פֿליגל פֿון משה רבנוס קיִעלעך צו וויסן אין וויפֿל יאָר אַרום משיח[30] וועט קומען. זייער אָפּט איז עס אויסגעפֿאַלן אויף זיבן יאָר, ווײַל איינער פֿון די פֿאַרשפּרייטסטע מינים[31] פֿון דעם „קיִעלע" האָט טאַקע זיבן פּינטעלעך און הייסט אויף לאַטײַן „קאָקסינעלאַ סעפּטעמפּונקטאַטאַ". מע קען אַגבֿ[32] דערמאָנען אַז די צאָל זיבן איז גאָר אַ וויכטיקע צאָל אי בײַ ייִדן אי בײַ אַנדערע פֿעלקער. ס'איז דאָ אַ סך זאַכן וואָס באַטרעפֿן זיבן (ווי די זיבן טעג פֿון דער וואָך, די זיבן וווּנדער פֿון דער וועלט, צי די זיבן רערן[33] פֿון דער מנורה[34]).

נאָר דער אינסעקט האָט אויך אַנדערע נעמען אויף ייִדיש : אין שלום־עליכמס[35] *כּתרילעווקע*[36] געפֿינט מען דעם נאָמען „אליהוס[37] פֿערדעלע", און אין אַנדערע מקורים[38] – „משיחל[39]". און אויב איר מיינט אַז דאָס איז אַ סך נעמען פֿאַר אַזאַ קליין באַשעפֿעניש, טוט אַ קוק אויפֿן גלאָסאַר ז' 5, וויפֿל נעמען עס האָט אויף ייִדיש אַ פֿלאַטערל !



1. KHAYES animaux/animals *sing.* חיה KHAYE 2. KHA'YELEKH *dim. de/of* חיה 3. rampent/creep 4. piquent/sting 5. bourdonnent/hum, buzz 6. TALMID étudiant/student 7. créatures 8. ZALMEN SHNEYER (1886-1959) 9. TERETS *ici* réponse/*here* answer 10. KASHE question 11. REFOEL Kolinka 12. Leyb Naydus (1890-1918) 13. MOYSHE RABEYNUS KIELE coccinelle, *litt.* petite vache de Moïse/ladybug, *lit.* Moses' little cow 14. TOKH essence 15. soucieuse/worried 16. mousse/moss 17. similaires/similar 18. ... PSULES ... petite poule de la Vierge/the Virgin's little hen 19. ladybird, ladybug (à l'origine "... de Notre-Dame"/originally "Our Lady's") 20. saints 21. recherches universitaires/scientific research 22. consacré/devoted 23. la Vierge Marie/the Virgin Mary 24. scarabée de Marie/Mary's beetle 25. AFILE même/even 26. KOSHER cachère/kosher 27. KOVED honneur/honor 28. ... SINAY le mont Sinaï/Mount Sinai 29. KHEYDER école juive traditionnelle/traditional Jewish school 30. MESHIEKH Messie/Messiah 31. MINIM espèces/species 32. AGEV d'ailleurs/by the way 33. branches 34. MENOYRE Menora 35. de/of Sholem-Aleykhem 36. KASRI'LEVKE 37. ELIYOHUS du prophète Élie/of the prophet Elijah 38. MEKOYRIM sources 39. MESHI'EKHL petit Messie/little Messiah.

# פֿליגן און שפּינען[1]

פֿון זלמן שניאור[2]





זלמן שניאור איז געבוירן געוואָרן אין שקלאָוו, אַ קליין שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד וואָס ער האָט באַשריבן אין עטלעכע ביכער, דער באַרימטסטער פֿון זיי *שקלאָווער ייִדן*[3]. אין אַ צווייטן בוך, *שקלאָווער קינדער*, זעט מען ווי אַזוי דאָס לעבן פֿון אַמאָליקע ייִדישע קינדער איז פֿאַרבונדן מיט דער נאַטור און מיט די צײַטן פֿון יאָר[4]. צווישן די קליינע העלדן איז דאָ ירחמיאלקע[5], וואָס טראַכט זיך אויס מאָדנע שפּילן מיט פֿאַרשיידענע חיהלעך[6].

„קומט דער ליבער זומער" – אַזוי זינגען ייִדישע קינדער, – „שפּילן מיר אין זאַמד ...". ירחמיאלקע אוריס מיזיניק[7] איז אויך אַ ייִדיש קינד נאָר אין זאַמד שפּילט ער ניט. ער האַלט ניט פֿון זאַמד. און, צווישן אונדז רעדנדיק, צוליב וואָס זאָל אַ חדר־ייִנגעלע[8] זיך שפּילן מיט טויטן זאַמד, ווען עס זענען דאָ אַזוי פֿיל קאָלירטע, לעבעדיקע פֿליגן און שפּינען אויף דער וועלט ? אויסער פֿליגן און שפּינען, זײַנען דאָ נאָך אויך שנײַדערלעך[9] און פֿלעדערלעך[10], זשוקעלעך[11] און היישעריקלעך[12]. אָבער די אייבערהאַנט[13] אין שטוב און אַרום שטוב האָבן פֿאָרט די צוויי שוואַרצע פֿעלקער, זעקספֿיסיקע און אַכטפֿיסיקע. באַלד נאָך פּסח[14] הייבן זיי אָן צו פֿאַרכאַפּן[15] די וועלט. איין פֿאָלק זשומעט[16] און שטיפֿט[17], כאַפּט פֿון די טעפּ און נאַשט[18] פֿון די טעלער, וווּ געטאָגט ניט גענעכטיקט. דאָס צווייטע פֿאָלק פּויזעט[19] און שווײַגט. יעדער טראָט איז מיט חשבון[20]. זיצט אויף איין אָרט, ווי די אײַנגעפֿונדעוועטע קרעמער[21], און וואַרט אויף פּרנסה[22]... און רק[23] עס רעכנט, רק עס ציילט מיט אַלע אַכט פֿינגער, וויפֿל פֿליגן עס **האָט** שוין אויפֿגעגעסן און וויפֿיל פֿליגן עס **וועט** נאָך אויפֿעסן. מאָדנע באַשעפֿענישן[24] ! האַלב־וועבער[25] און האַלב־מכשפֿים[26], און זײַנען ווײַט ניט די שוואַכערע ראָסע...



אויף לעבן און טויט קעמפֿן די דאָזיקע צוויי פֿעלקער. זיי איז ענג די וועלט ; „אָדער מיר אָדער איר !" זשומזשען די פֿליגן און קערן וועלטן[27] ; „אָדער איר אָדער מיר !" ענטפֿערן רויִק אָפּ די שפּינען און מאַכן מיט אַלע אַכט פֿינגער ווי די מכשפֿים...

און ירחמיאלקע קוקט זיך צו צו דער לאַנגער מלחמה[28], וואָס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר זײַנע לעבעדיקע אייגלעך, פֿון אָנהייב וויעסנע[29] ביז שפּעט אין האַרבסט, און קען זיך זאַט ניט אָנקוקן[30].

לכתּחילה[31] איז ער נייטראַל. פֿליגן און שפּינען שלאָגן זיך ? געזונטערהייט ! ער קוקט... נאָר ביסלעכווײַז ווערט ער אַרײַנגעצויגן אין קאַמף און זאָגט אַ דעה[32]. אַ מאָל שטעלט ער זיך אויף דעם צד[33], אַ מאָל – אויף יענעם צד. איין מאָל ראַטעוועט[34] ער פֿליגן פֿון נעץ, אַ צווייטן מאָל וואַרפֿט ער אונטער אַ קאַליקע[35] פֿליג אין שפּינוועבס[36] אַרײַן. נאָר הנאה[37] האָבן האָט ער אַלע מאָל. דער טאָג סטײַעט[38] אים ניט פֿאַר אַזאַ אומענדלעכן שפּיל. האַ־האַ־האַ ! ס'איז איין קאַפּעלע טשיקאַווער[39] ווי דאָס לערנען עבֿרי[40] אין חדר...

1. mouches et araignées/flies and spiders 2. ZALMEN SHNEYER (1886-1959) 3. *Oncle Uri et Les Siens*, Liana Levi, 1998/*Jews of Shklov* 4. saisons/seasons 5. YERAKHMI'ELKE 6. KHA'YELEKH bestioles/little creatures, insects; *sing.* חיהלע 7. benjamin d'Uri/Uri's youngest 8. KHEYDER-... écolier/schoolboy 9. *ici, probablement* libellules/*here, probably* dragonfly 10. papillons/butterflies 11. coléoptères/beetles 12. sauterelles/locusts 13. suprématie/upper hand 14. PEYSEKH la Pâque juive/Passover 15. conquérir/conquer 16. bourdonne/buzzes17. s'amuse/has fun 18. chipe/nibbles 19. rampe/creeps 20. ... KHEZHBM calculé/calculated 21. commerçants bien établis/well-established shopkeepers 22. PARNOSE subsistance/a living 23. RAK sans cesse/keeps on 24. créatures bizarres/peculiar creatures 25. tisserands/weavers 26. MEKHASHFIM sorciers/wizards; *sing.* מכשף MEKHASHEF 27. remuent le monde/overturn worlds 28. MILKHOME guerre/war 29. printemps/spring 30. ne se lasse pas de regarder/can't look his fill 31. LEKHATKHILE au début/at first 32. ... DEYE donne son avis/expresses an opinion 33. TSAD côté/side 34. sauve/rescues 35. estropié/injured 36. toile d'araignée/cobweb 37. HANOE plaisir/pleasure 38. ne suffit pas/is not enough 39. un peu plus intéressant/a little more interesting 40. IVRE lecture en hébreu/reading in Hebrew.

## זומערדיקער גלאָסאַר



| | |
|---|---|
| grillon/cricket | די גריל (ן) |
| sauterelle/locust | דער היי'שעריק (ן) |
| libellule/dragonfly | די ליבעלע (ס), דאָס וואַסער־מיידל (עך) |
| coléoptère, scarabée/beetle | דער זשוק (עס), דער כרושטש (עס) |
| araignée/spider | די/דער שפּין (ען) |
| fourmi/ant | די מוראַשקע (ס) |
| abeille/bee | די בין (ען) |
| guêpe/wasp | די וועספּ (ן), די אָסע (ס) |
| frelon/hornet | די האָ'רנבין (ען), דער שערשען (עס) |
| mouche/fly | די פֿליג (ן) |
| moustique/mosquito | די מוק (ן), דער קאָמאַר (ן), דער מאָסקיט (ן) |
| chenille/caterpillar | דאָס שלײַ'ערל (עך), דער אָפּפּרעסער (ס) |
| papillon/butterfly | דאָס פֿלאַ'טערל (עך), דאָס פֿלע'דערל (עך), דאָס באַ'בעלע (ך), די באַ'בעטשקע (ס), דאָס שמע'טערל (עך), דער שמעטערלינג (ען), דאָס זומער־פֿייגעלע (עך), דער מאָטיל (ן) |







# די ייִדישע געשיכטע דורך *פֿאָרווערטס*־בילדער





**פֿון רעכטס צו לינקס : שלמה מיכאָעלס, אַלבערט איינשטיין, איציק פֿעפֿער (1943)** D.R.

אין פֿאַרבינדונג מיטן 110טן יובילײַ פֿונעם *פֿאָרווערטס*, האָט די רעדאַקטאָרין פֿון קונסט און קולטור אין [דעם ענגלישן] *פֿאָרוואַרד*, אַלאַנאַ ניוהאַוז[1], צוזאַמענגעקליבן פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿונעם *פֿאָרווערטס*־אַרכיוו – בילדער פֿון גאַסן־לעבן אין ניו־יאָרק, ייִדן אין די שטעט און שטעטלעך פֿון מיזרח[2]־אייראָפּע פֿאַר דער מלחמה[3], פּאָרטרעטן פֿון גרויסע און קליינע פּערזענלעכקייטן, וויכטיקע געשעענישן אויף דער ייִדישער גאַס, „עקזאָטישע" מענטשן און זייערע לעבנס־שטייגערס[4] – און זיי געדרוקט אין אַ לוקסוסדיקן פֿאָטאָ־אַלבום: A Living Lens: Photographs of Jewish Life from the Pages of the *Forward* [...].
דאָס בוך ווערט אײַנגעסדרט[5] כראָנאָלאָגיש אין 14 קאַפּיטלעך, און בײַם אָנהייב פֿון יעדן קאַפּיטל שרײַבט אַ חשובֿער[6] קריטיקער אָדער פּראָפֿעסאָר אַן עסיי [...]. צווישן זיי קען מען געפֿינען די באַמערקונגען פֿון : רות ווײַס[7] וועגן „גירוש אייראָפּע[8]", דזשאַן האָבערמאַן וועגן קינאָ, פּאָל בערמאַן וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, קאַראָיִד אָ'ברײַען וועגן דעם ייִדישן טעאַטער, אילן סטאַוואַנס[9] וועגן „גלות־לאַנדשאַפֿטן[10]". [...]
אַלאַנאַ ניוהאַוז האָט מיט דער פֿאָטאָ־אַרכיוויסטקע, חנה[11] פּאָלאַק, איבערגעקוקט די מער ווי פֿערציק טויזנט פֿאָטאָגראַפֿיעס אינעם *פֿאָרווערטס*־אַרכיוו. צו זייער איבעראַשונג[12], האָט די זאַמלונג זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן ממש[13] אַ געשיכטע פֿון די ייִדן אינעם 20סטן יאָרהונדערט. [...] קאַהאַן[14] האָט אין 1923 אײַנגעפֿירט די אילוסטרירטע [קונסט־]בײַלאַגע[15] און אין 1926 געבעטן דעם פּאָעט מאָריס ווינאָגראַד צו ווערן דער רעדאַקטאָר. ווינאָגראַד האָט דורכגעפֿירט זײַן אַרבעט מיט אַ געניטער[16] האַנט – אויסגעניצט אָפֿיציעלע פּרעסע־בילדער, געשאַפֿן טעמאַטישע זײַטן און קאָנקורסן (פֿאַרן שענסטן מיידל, למשל[17]) ; אָפֿט געדרוקט בילדער פֿון ווײַטע לענדער, ווי אויך פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון מיזרח־אייראָפּע, פֿון ראָמאַן ווישניאַק,



מנחם[18] קיפּניס און אַלטער קאַציזנע.
איינער פֿון ווינאָגראַדס בעסטע אײַנפֿאַלן איז געווען צו בעטן בײַ די לייענערס, זיי זאָלן אַרײַנשיקן זייערע בילדער. [...] אינעם נײַעם אַלבאָם זעט מען בילדער פֿון גאַנצע משפּחות[19] אויף שׂימחות[20], באַגעגענישן און יובילייען. מע דרוקט אויך איבער גאַנצע זײַטן פֿון דער אַמאָליקער „קונסט־בײַלאַגע", אויף וועלכע מע זעט, צום בײַשפּיל, אַ בילד פֿון דער לבֿנה[21], אַן ערשט־געבוירענעם צווילינג אין אַ שפּיטאָל, אַן אָנגעקומענע ייִדישע משפּחה מיט עלף קינדער, אַ פֿרוי וואָס האָט געגעבן אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט.
נישט קיין קלענערן רושם[22] מאַכן אויפֿן לייענער פֿונעם אַלבאָם די נײַעס־בילדער. [...]
די רעדאַקטאָרין האָט אויך געדרוקט אַ צאָל פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל פֿונעם „אַרבעטער־רינג", וואָס האַלט אָן ביזן הײַנטיקן טאָג אַ נאָענטע באַציִונג מיטן *פֿאָרווערטס*. [...]

1. Alana Newhouse 2. MIZREKh… de l'Est/Eastern 3. MILKhOME guerre/war 4. modes de vie/ways of life 5. A'YNGESADERT classé/arranged 6. KhO'ShEVER éminent 7. RUS Ruth Wisse 8. GEYRESh … *ici* la grande émigration (1880-1914)/*here* the great immigration (1880-1914) 9. ILAN Stavans 10. GOLES… paysages d'exil/lansdscapes of exile 11. KhANE 12. surprise 13. MAMESh véritablement/really 14. Abe Cahan (1860-1951), rédacteur en chef/editor-in-chief 15. supplément 16. expérimenté/experienced 17. LEMOShL par exemple/for example 18. MENAKhEM 19. MIShPOKhES familles/families 20. SIMKhES fêtes/celebrations 21. LEVONE lune/moon 22. ROYShEM impression

ס'איז טשיקאַווע[23] צו זען אַז כאָטש[24] דער פֿאָרווערטס איז אַ מאָל געווען אַ סאָציאַליסטישע צײַטונג, האָט מען כּסדר[25] געדרוקט בילדער פֿון דער פֿרומער וועלט – בײַם באַקן מצות[26], צינדן שבת־ליכט[27]. אין דער זעלבער צײַט האָט די צײַטונג געדרוקט פֿאָטאָגראַפֿיעס צו ווײַזן דעם „מאָדערנעם ייִד“ און זיך געריימט[28] מיט די ייִדן, וועלכע שפּילן אָנפֿירנדיקע ראָלעס אין אַמעריקע.

דעם זונטיק וועט מען עפֿענען אַן אויסשטעלונג אויפֿן סמך[29] פֿון דעם אַלבאָם אינעם מוזיי פֿון דער שטאָט ניו־יאָרק [...]. די אויסשטעלונג וועט בלײַבן אָפֿן ביז סעפּטעמבער. [...]

23. curieux/curious 24. bien que/although 25. KESEYDER toujours/always 26. MATSES pain azyme/matzo 27. SHABES-... bougies de shabbat/Sabbath candles 28. se glorifiait/boasted 29. ... SMAKh basé sur/based on.



דער פֿאָרווערטס
איז געגרינדעט געוואָרן
אין 1897, פּראַוועט
ער הײַיאָר זײַן 110טן
געבוירן־טאָג !
מיר ווינטשן
דעם פֿאָרווערטס
אַ פֿריילעכן
געבוירן־טאָג און נאָך
לאַנגע, לאַנגע
יאָרן אַרבעט !

# ייִדיש אין ארץ־ישׂראל[1] : ליכט און שאָטן (אַ פֿראַגמענט)

## פֿון מיכאל קרוטיקאָוו

די געשיכטע פֿון ייִדיש אין דעם ארץ־ישׂראלדיקן יישובֿ[2] און דערנאָך אין מדינת־ישׂראל[3] איז לעצטנס געוואָרן אַ פּאָפּולערע פֿאָרשונג־[4]טעמע. דאָס האָט צו טאָן אי מיט דעם וווּקס פֿונעם אינטערעס צו ייִדיש אין דער אַקאַדעמישער סבֿיבֿה[5] בכלל[6], אי מיט דער רעוויזיע פֿון דער ציוניסטישער[7] אידעאָלאָגיע און איר ראָלע בײַם פֿאָרמירן די מאָדערנע ישׂראלדיקע קולטור. דאָס בוך פֿון יעל חבֿר[8] שטייט אין מיטן, צווישן די צוויי טענדענצן. די פֿאָרשערין ווײַזט, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט פֿאַרנומען אַ חשובֿ[9] אָרט אינעם קולטורעלן לעבן פֿונעם יישובֿ, הגם[10] דער דאָזיקער פֿאַקט איז געווען פֿאַרשוויגן[11] דורך דער אָפֿיציעלער ציוניסטישער היסטאָריאָגראַפֿיע. אין תּוך גענומען[12], איז דאָס ניט קיין חידוש[13], אָבער צום ערשטן מאָל באַקומט דער ענגלישער לייענער אַ פּרטימדיקע[14] אַנאַליטישע פֿאָרשונג פֿון דער „אַלטערנאַטיווער“ ייִדישער קולטור, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אין תּוך פֿון[15] דער הערשנדיקער[16] העברעיִשער קולטורעלער סבֿיבֿה. [...] די ייִדישע שעפֿערישקייט זעט אויס [לויט דער אָפֿיציעלער היסטאָריאָגראַפֿיע] ווי אַ צוגאָב צו דעם העברעיִשן הויפּטשטראָם, ווי אַ קריטישער שאָטן זײַנער. אין דער אמתן[17], איז די ייִדישע ליטעראַטור קיין מאָל ניט געווען קיין „מינערדיקע[18] ליטעראַטור“. זי האָט אָפֿט געליטן פֿון דעם אידעאָלאָגישן דרוק[19], אָבער אַלע צווײַגן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור וואַקסן אויף איין בוים, וואָס איז אײַנגעוואָרצלט[20] אין דער טראַדיציע פֿון מענדעלע, שלום־עליכם[21] און פּרץ[22].




1. ERETS-YISROEL Terre d'Israël/Land of Israel 2. YISHEV communauté/settlement 3. MEDINES-YISROEL État d'Israël/State of Israel 4. recherche/research 5. SVIVE milieu 6. BIKHLA'L en général/in general 7. TSIENI'STISHER sioniste/Zionist 8. YAEL Khaver 9. KHOSHEV important 10. HAGA'M bien que/although 11. passé sous silence/was not spoken of 12. ...TOKH... tout bien considéré/all in all 13. KHIDESH surprise 14. PRO'TIMDIKE détaillé/detailed 15. ...TOKH... au sein de/within 16. dominant 17. ... E'MESN en vérité/in fact 18. mineure/minor 19. pression/pressure 20. enraciné/rooted 21. SHOLEM-ALEYKHEM 22. PERETS.


## איך וויל אַבאָנירן דעם פֿאָרווערטס

אַבאָנעמענט־פּרײַזן : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 63 דאָלאַר, האַלב יאָר – 12 דאָלאַר

איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 04 דאָלאַר, האַלב יאָר – 52 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 79 דאָלאַר

נאָמען : .................................................. קרעדיט־קאַרטע־נומער : ..................................

אַדרעס : .................................................. אויסגאַנג[4]־דאַטע : ..................................

..................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# מײַן רײַזע אין אָדעס[1]

## פֿון אַן פֿרײ[2]



**די באַרימטע טרעפּ אין אָדעס** D.R.

אַ תּלמידה[3] פֿון די ייִדיש־קורסן אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער האָט אונדז צוגעשיקט אַ באַריכט פֿון איר נסיעה[4] אין אָדעס בײַם שוואַרצן ים[5].

דער ציל פֿון דער רײַזע איז געווען אַ באַזוך אין דער שטאָט אָדעס און דער עיקר[6] אין דער ייִדישער קהילה[7]. ערשטנס, ווען מע פֿאָרט פֿון אַעראָפּאָרט, פֿאַלט מען אַרײַן אין כמיעלניצקי[8]־בולוואַר, ווו עס שטייט אַ ביוסט פֿון דעם העלד. די שטאָט, וואָס פֿאַרמאָגט אַ סך הײַזער פֿון 18טן יאָרהונדערט, וואָלט געווען זייער שיין אויב די געבײַדעס[9] און די גאַסן וואָלטן געווען בעסער אָפּגעהיט[10]. די טראָטואַרן זענען אין גאַנצן צעבראָכן און מע דאַרף געבן אַכט[11] ווו מע שטעלט די פֿיס. די הײַזער צעפֿאַלן זיך אויף שטיקלעך, אַ שאָד פֿאַר אַזאַ שיינער שטאָט !

דער ים איז טאַקע טונקל אונטער אַ העל בלויען הימל. אונדזער גרופּע איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ אויף די „פּאָטעמקין־טרעפּ“.

פֿרײַטיק האָבן מיר געמאַכט אַ לאַנגן שפּאַציר זוכנדיק די הײַזער פֿון עטלעכע ייִדישע שרײַבער פֿון אָדעס : ביאַליק, שלום־עליכם[12], באַבעל... אין אָוונט זענען מיר געגאַנגען אין אַ שול[13] אויף קבלת־שבת[14]. די שול איז אַ חסידישע[15] און די מענער אין די שוואַרצע היט האָבן געזונגען און געטאַנצט. בײַ זיי איז געווען אַ גאַנצע שׂימחה[16], בשעת[17] די פֿרויען זענען געזעסן הינטער אַ הילצערנער גראַטע[18]. אַ סך פֿון זיי האָבן געטראָגן שייטלעך[19] – דאָס איז אונדז געווען אַ חידוש[20].

שבת זענען מיר געפֿאָרן קיין בעלגאָראָד – אַ באָדשטאָט[21] אויפֿן ברעג ים[22]. אַזוי אַרום האָבן מיר געזען אַן אָרעמע געגנט.

זונטיק האָבן מיר געזען די לובאַוויטשער מיגדל[23]־קהילה און גערעדט מיטן רבין[24], אַבֿרהם[25] וואָלף פֿון ישׂראל – אַ יונגער־מאַן מיט אַ סך הומאָר. מגדל איז אַ ריזיקע אָרגאַניזאַציע וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט מענטשן פֿון געבוירן ביזן טויט. זיי פֿירן אָן מיט זייגהיימען[26], שולן און עלטערהיימען. אוי אַ בראָך[27]! קיינער רעדט ניט קיין איין וואָרט ייִדיש ! בלויז עבֿרית[28]. מיר זענען געזעסן אין מגדל־רעסטאָראַן (אַוודאי[29] כּשר[30]!) און געזען אַ פֿאָרשטעלונג מיט ייִדישע טענץ און פֿאָלקסלידער. מיר האָבן אויכעט באַזוכט אַ לובאַוויטשער־עלעמענטאַר־שול. אויף אונדז האָט עס געמאַכט אַ ביסל אַ מאָדנעם רושם[31] – אַ ביסל „מוח־צוואָג[32]“.

מאָנטיק און דינסטיק האָבן מיר באַזוכט מוזייען און אַרומשפּאַצירט אין דער שטאָט (אַכט געבנדיק אויף די סקולפּטירטע באַלקאָנען וואָס קענען אַראָפּפֿאַלן אויפֿן קאָפּ). און צוריק אין פּאַריז נאָך אַן אינטערעסאַנטער רײַזע אין אַן אַנדער וועלט.

פֿאַראַיאָרן, מיט דער זעלבער גרופּע, זענען מיר געפֿאָרן קיין ווילנע. דער אונטערשייד צווישן די צוויי שטעט איז וויכטיק. אין ווילנע איז ייִדיש לעבעדיק און ווערט געלערנט, בשעת אין אָדעס איז עס פֿאַרגעסן אויב ניט פֿאַראַכט[33].


# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אליעזר, יצחק, מאַרי,
נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.



Der Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
www.yiddishweb.com: אויפֿן אינטערנעץ


1. Odessa 2. Anne Frey 3. TALMIDE élève/student 4. NESIE voyage/trip 5. … YAM mer Noire/Black Sea 6. …IKER surtout/mainly 7. KEHILE communauté/community 8. Bogdan Chmielnicki (1595-1657), héros national ukrainien, auteur de pogromes contre les Juifs, 1648-49/Ukrainian national hero, who also led pogroms against Jews in 1649-49 9. bâtiments/buildings 10. entretenus/maintained 11. faire attention/pay attention 12. SHOLEM-ALEYKHEM 13. *ici/here* synagogue 14. KABOLES-SHABES accueil du shabbat/welcoming the Sabbath 15. KHSI'DISHE hassidique/Hasidic 16. SIMKHE fête/celebration 17. BESHA'S tandis que/whereas 18. barrière en bois/wooden fence 19. perruques/wigs 20. KHIDESH étonnement/amazement 21. ville balnéaire/seaside resort 22. … YAM bord de mer/seaside 23. Migdal 24. REBN rabbi (hassidique/Hasidic) 25. AVROM 26. crèches/child care centers 27. malheur !/alas! 28. IVRIT hébreu moderne/modern Hebrew 29. AVADE bien sûr/of course 30. KOSHER cachère/kosher 31. ROYSHEM impression 32. MOYEKH-… lavage de cerveau/brain-washing 33. méprisé/looked down upon.